די רויטע וועלט, כארקאוו, [illegible], 1925

מ. מעזשעריצקי

# „מענאכעם-מענדל" פון שאלעם-אלייכעם *)

אין דער הקדמע צו „מענאכעם-מענדל" שרייבט דער מעכאבער פאלגנדעס:

„מענאכעם-מענדל איז ניט קיין העלד פון א ראמאן און איבערהויפט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאס איז נעבעך א איד פון אגאנץ יאר, מיט וועלכן דער מעכאבער איז פערזענלעך און נאענט באקאנט. ער איז דורכגעגאנגען מיט אים א שטיק לעבן פון קימאט 20 יאָר, באגעגנט זיך אינם 1892 יאר אף דער אדעסער „קליינער בערזשע", האבן מיר נאכדעם דורכגעמאכט האנט בא האַנט אַלע „שבעה מדורי גיהנם" אין יעהופעץ אויף דער בערזשע, „געגאנגען" מיט אים קיין פעטערבורג און קיין וואהשע, אויסגעשטאנען אַסאַך קרוזיסן, זיך געוואָרפן מיט אים פון איין פארנאָסע אויף דער אנדערער און — אוי ווי — נישט געפונען קיין גליק אין ערגעץ, געמוזט סאַפקאָלסאָך טון דאס, וואס אַלע אידן טוען — עמיגרירן קיין אַמעריקע".

און ווייטער מעלדעט שאלעם-אלייכעם, אַז דאס ווערק קאָן דינען פאר א בריוונשטעלער פון מענער צו פרויען ביכלאל.

„און אזוי ווי די אידישע געשעפטן זיינען בארעכאשעם אומעטום אלץ איינס, דאס הייסט, הויבן, הויבן זיי זיך אן, דאכט זיך, גאנץ נישקאַשעדיק, מיט אזויפיל ביטאכן און גלענצנדע האפענונגען, און אויסלאזן לאזן זיי זיך אויס מיט שלים-שלימאזל, ווי בא מיין מענאכעם-מענדלען, לאָכיין באדארף מען לאנג ניט הארעווען באַם צונויפשטעלן א בריוו, מע קאָן אים נעמען גלייך, ווי ער שטייט און גייט. און טאמער וועט זיך געפינען איינער פון טויזנט, וואס די געשעפטן זיינע גייען אים דערוויייל גוט, קאָן ער זיין זיכער, אז סע איז ניט אויף לאַנג. אלץ, וואס איז געבויט אויף לופט און אויף ווינט, מוז סאַפקאָלסאָך פאלן".

אלזא, פון די אונטערגעשטראכענע דורך אונז שורעס איז קלאר: שאלעם-אלייכעם האט דא געשטעלט פאר זיך א גראנדיעזע אויפגאבע — שילדערן דעם „איין פון אגאנץ-יאר", דעם „לופט-מענטש". — דאס הייסט אזוי גוט, ווי צווייטדריטל פונם גאנצן אידישן פאלק, — פאר די לעצטע 20-30 יאר ביז דער רעוואלוציע; געבן אונז דעם טיפ פון קאַסרילעווקער קרעמער-הענדלער, וועלכער ווערט ארויסגעשטויסן דורך איבערבאפעלקערונג און מוירעדיקער קאנקורענץ; אין גרויסער שטאָט געפינט אבער דארט אויך ניט, אדאנק דער ניטגענוגנדיקער אנטוויקלונג פון אינדוסטריע און זיין אייגענער צוגארנישט-צוגעפאסטקייט, קיין פלאַץ פאַר זיך, וואגלט פון איין שטאט אין צווייטער איבערן גאַנצן טכום און ווערט סאָפקאָלסאָך געצוואונגען צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

מענאכעמענדל פילט פאר זיך אף דער ערד קיין באדן ניט און דערום איז ער געצוואונגען בויען פאר זיך לופט-שלעסער... אבער לופט-שלעסער בויען קאן מען דאן נאר, ווען מע פארלירט דעם כוש פון ווירקלעכקייט, און ניט באַגרייפן די ווירקלעכקייט ווערט פאר א מענאכעם-מענדל א מוז-זאַך. דאס איז אזוי גלייך נויטווענדיק פאר זיין עקסיסטענץ-פונקט, ווי די שוץ-פארב פאר אייניקע באַלעכאַים.

---

*) אפרואוו פון סאציאלאגיש-ן רבעלן אנאליז.

1\. מענאכעם-מענדל באגרייפט ניט די ווירקלעכקייט און שאפט א וועלט פאר זיך: אן איבערנאטירלעכע סוויווע, אן אייגענע וועלט-פאליטיק און א באזונדערע קעגן-סייכל-הא-שערדיקע לאגיק.

ווען די גאנצע וועלט באדארף רעגן, גארט מענאכעם-מענדל נאך טריקעניש און גייט אים נאך א היישעריק („מיליאנען”, בריוו III), ווען דער גאנצער ערדקויגל געניסט פון שלאם, ווען דער געדאנק וועגן מילכאמע הויבט עפשער נאר וואס אן אויסצופיקן זיך אין קעפ פון דיפלאמאטן, הערט שוין גאמבעטע, דער גרויססטאטישער מענאכעם-מענדל, מיטע שיסט באנאכט פון הארמאטן („לאנדאן”, בריוו VII). און ווען מענאכעם-מענדל געזעט אפ טעגוויים בא בראצקען אף די טרעפ און קאן בעשום אויפן צו אים ניט צושטיין, ווייזט ער זיך (מענאכעם-מענדל) אין בריוו צום ווייב, אז ער „באדארף פאדינען אף זיין דינעק קימאט ביז א מייע איילעף” („מיליאנען”, בריוו XVII). און דא ווערט פאר אונז קלאר דער זין פון אויסערלעכער קאמפאזיציאנעלער פארב, וועלכע שאלעם-אלייכעם האט אנגע-ווענדעט אין דער נאוועלע „מענאכעם-מענדל”, די עפיסטאליאר-פארם, פארם פון בריוו-אויסטויש.

אינדערעמען, די באליבסטע פארם בא שאלעם-אלייכעמען איז מאנאלאג, מיט וועלכן דער העלד טרעט ארויס פאר „פאני שאלעם-אלייכעם”. אין דער פארם איז אנגעשריבן „טעוויע דער מילכיקער” און פולע אנדערע ווערק. פארוואס זשע האט זיך שאלעם-אלייכעם אין „מענאכעם-מענדל” פון אט דער פארם אפגעזאגט? נעמען מיר אבער אין אכט דאס איינגעזאגטע, דאן ווערט פאר אונז קלאר, אז אין געגעבענעם פאל איז א באגעגעניש פונם העלד מיטן מעכאבער נישט פאסיק. באם ערשטן מיסטרוי-בליק פונם שרייבער, באם קלענסטן אקסלצוק זיינעם וואלט דאס מענאכעמענדלשע נישט-געשטויגן נישט-געפלויגן פארשוואונדן געווארן ווי רויך, און פארוועלקט געווארן נישט באוויזנדיק נאך אויפ-צובליען.

פארוואס אבער האט שאלעם-אלייכעם ניט ארויסבאוויזן מענאכעם-מענדלען אין זיין קאפציימער? פארוואס זאל מענאכעם-מענדל ניט אנטפלעקט ווערן פאר אונז בעאייס ער גייט אפן געלעגער און זיין צעהיצטער מויעך ארבעט אף אלע קיילים און שאפט „קאנבי-נאציעס” איינע ברענענדיקער פאר דער צווייטער? דא גייען מיר צו צו א צווייטן גרונט-שטריך פון מענאכעם-מענדלען — זיין צוגעבונדקייט צו מענטשן, זיין סאציאטראפיזם. 2. אט דער צווייטער שטריך דרינגט אויך ארויס, — ווי מענאכעם-מענדלס נישט-פילנבארקייט פאר דער ווירקלעכקייט, — פון זיין סאציאלן מעהוס. מענאכעם-מענדל איז א פארשטייער פון שטעטלען און ארימען קליינבירגערטום. ער פארט ניט אום אף כאדאשים-לאנג אין די אויסלאנדס, ווי די הורוויצן, ראפאפארטן בא בערגלמאנען. ער האט קיין מעגלעכקייט ניט ...ענע, זיך מעיאכעד זיין אף שאען-לאנג בא זיך אין צימער, זינקען אין געפילן, פארטיפן זיך אין געדאנקען, בעאייס די געשעפטן אין קאנטאר גייען זיך דארט פון זיך זעלבסט.

מענאכעם-מענדל מוז טאמיד שטעקן צווישן מענטשן, שטענדיק זיך איינהערן, נאכ-שמעקן, אנפרעגן, אנבאסן, שפראך אוועקלייגן. נאר צווישן לופט-מענטשן, ווי ער אליין, צווישן גאמבעטעס און טענדעוועריענדעס, קאן ער האפן כאפן א דרייערל אף זיין נישטיק אויסקומעניש. „און איך בעסויכאם” — דאס איז זיין שטענדיקער רעפרען (שלום-מעמרע), מיט וועלכן ער ענדיקט די דערציילונג פון זיינע „גליקלעכע” אדער שלימאזלדיקע צופאלן, פארבלייבט ער מיט זיך אליין, ווערט מענאכעם-מענדל אף א וואך קראנק, ווייסט ער ניט וואו אהינצוטאן זיך פאר לאנגווייליקייט און „גייט אראפ פון זינען” („פאפירלעך”, בריוו IX). זיין העכסטע קאנצענטרירקייט, זיין אויפגעלייגטקייט און באגייסטערונג דערגרייכט מענא-

the epistolary form precludes authorial intrusions which would explode the hero's illusory world.

בעם-מענדל דאַפֿקע אינם טומלדיקן טאַראַראַם און קלימפּערדיקן געוויש פֿון בירזשע-הו-האַ.

צי וואָלט אָבער געקאָנט אַ מענאַכעם-מענדל צעלייגן זיך אַף טעלערלעך מיט זיינע „גילדערנע” פּלענער און „מיליאָניקע” אויצרעס פֿאַר אַ שותּף, אַ שטייגער? בעשום אויפֿן ניט! נאָך די ערשטע געשפּרעכן, נאָך די ערשטע פּאָר בריוו וואָלט אַ שותּף גלייך געפּאָדערט רעווען, דינוועכעשבן, און צו אַ פּירטן, פּינפֿטן, צענטן בריוו וואָלט ניט דערגאַנגען. פֿאַר וועמען זשע קאָן מענאַכעם-מענדל זיך פֿאַנאַנדערוויקלען מיט זיין גאַנצער קאַכעקער, פּראַכטפֿולער און פֿרוכטלאָזער פֿאַנטאַזיע? פֿאַרן ווייב און ווייטער פֿאַר קיינעם ניט. נאָר פֿאַרן ווייב, וואָס וואוינט אין נאָענט-ווייטער קאַסרילעווקע, קאָן ער אַלע זיינע אינטימע פּלענער ארויסברענגען. נאָר פֿאַר איר קאָן ער זיינע האָפֿענונגען און טרוימען אויסשפּרייטן. און דעריקער — פֿאַרן ווייב קאָן מען אויך שווייגן, ווען דאָס איז נויטיק. און אַזוי זעען מיר טאַקע, אַז פֿון מענאַכעם-מענדלס זעקס בריוו אין ערשטן קאַפּיטל „לאָנדאָן”, זיינען פֿינף געשריבן אין צייט פֿון אויפֿשטייג, פֿון קנאַקן און פֿליען, און נאָר איינער, דער לעצטער, דאַן ווען ס'האָט זיך פֿון אַלץ אַ בוידעם אויסגעלאָזט. דאָס זעלבע אין צווייטן קאַפּיטל „פּאַפּירלעך”. אין דריטן קאַפּיטל „מיליאָנען”, וואו מענאַכעם-מענדלס פֿאַנטאַזיע דערגרייכט איר העכסטע מאַדרייגע, הויבט זיך אָן יעדער בריוו מיט אַ נייעם „גליק”. ביז וואַנען מענאַכעם-מענדל „דערטאַפּט” קיין נייעם מיסכער ניט אָן, שרייבט ער דעם ווייב גאָרניט. אין די לעצטע צוויי קאַפּיטלען, וואו מענאַכעם-מענדל הויבט אָן אַריינצופֿאַלן אין מאָרעשכוירע און צווייפֿלט שוין אַליין אין זיינע גליקן, שרייבט ער דעם ווייב שוין גאָר ניט וועגן די לעצטע, און „לעאַכאר-האַמאַיסע” שוין באַשרייבט ער איר אין איין לאַנגן בריוו דעם גליקלעכן אָנהויב מיטן ווײסטן סאָף פֿון זיין נייעם כאָלעם צוזאַמען. אָט אַזוי זעען מיר, אַז נאָר אין פֿאָרם פֿון בריוו צום ווייב האָט שאָלעם-אַלייכעם געקאָנט אַפּ בעסטן אויפֿן אַנטפּלעקן פֿאַר אונז מענאַכעם-מענדלען, אויפֿדעקן די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון זיין אויפֿגעבראַכטן און צעשויבערטן גייסט און פֿאַנאַנדערוויקלען אים אין אַ קינסטלעריש-מאָנומענטאַלע פֿיגור.

וואָס איז מיט דער צווייטער הויפּט-פֿיגור אין ווערק, מיט שיינע-שיינדלען? זי האָט פֿאַרלאָרן פֿון דעם, וואָס מע האָט איר צו דערפֿון צוגעפּעטיקט. „צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, מיינע שונאים זאָלן אַזוי כח האָבן צו לעבן, ווי איך האָב כה שוין צו שרייבן דיר אפילו אַ בריוול” („פּאַפּירלעך”, II). „צווייטענס שרייב איך דיר, מיין זיס לעבן, אַ מיתה משונה, א חלי-רע אויף אַלע מיינע שונאים! דו רוצח, דו מיטוס, דו גזלן איינער! א. א. וו.” („מיליאָנען”, II); אַזוי רעדט מען אָבער מע שרייבט ניט אַזוי קלאָר, אַז די בריוו-פֿאָרם, דער „צווייטנס שרייב איך דיר”, איז דא צוגעטשעפּעט. שיינע-שיינדל ווערט דאָ געוויסערמאָסן געבראַכט פֿאַר אַ קאָרבן, קעדיי בולעטער מאַכן מענאַכעמענדלס פֿיגור, די צענטראַלע אין ווערק.

נאָר שיינע שיינדלס ראָל אין נאָוועלע באַגרעניצט זיך ניט מיט דעם נאָר, וואָס זי באַקומט בריוו פֿון מענאַכעם-מענדלן. זי ווערט איבערהויפּט אויסגענוצט, ווי אַן אַנטיטעזע צום לעצטן. שיינע שיינדל שאַפֿט אַ באַזיס, א פֿאָן פֿאַר מענאַכעם-מענדלען. דורכן צוזאַמענשטויס מיט שיינע-שיינדלען ווערט מענאַכעם-מענדלס געשטאַלט דינאַמיש, זי גלידערט זיך אַריין און באַוועגט זיך אין קאָנקרעטע צייט- און רוים גרעניצן. דאָ גייען מיר שוין אַריבער צו אַ צווייטן קאָמפּאָזיציאָנעלן מאָמענט פֿון „מענאַכעם-מענדל”, קאָמפּאָזיציע פֿון העלדן אין ווערק.

איינגעונסלעך האָבן מיר דאָ ניט איין מענאַכעם-מענדל, נאָר אַ גאַנצע גרופּע מענאַכעם-מענדלים, א גאַנצן, אַזוי צוזאָגן, מענאַכעם-מענדל-קאָלעקטיוו. אָט-דער קאָלעקטיוו
-[illegible]

שטעלט מיט זיך פֿאָר א רייכע פּאַרטרעטן - גאַלערעע, וואו יעדער האָט זיך זיין אייגן פּלאַץ,
זיין באַזונדער שפּראַך און זיין אים אַליין באַשערטן „מאַזל".

איך האָט דאָ דעם פעטער מענאַשע, אַמענטש, וואָס פליט ניט איבעריק הויך, ווייסט
דעם סאָד, ווי אַזוי „צו מאַכן אַ שיינעם בראָך פֿון פונצנהונדערט קרעפּלעך נאַדן" („לאָנ-
דאָן" II), וועלכע מענאַכעם - מענדל האָט באַ אים איינגעלייגט, און מאַכט, קאָנטיק, דער-
ווייל א לעבן.

איך האָט דאָ דעם גרויסשטאָטישן גאמבעטן, דעם בירזשע - ראָמאַנטיקער, א געוויסער
וואַריאַנט פֿון דזשאַן - גאבריעל - באַרקמאַן (אין באַוואוסטער איבסענס דראַמע אונטערן זעלבן
נאָמען). דערזעלבער גאמבעטע, וועלכער הערט אין פרידן - צייט אלע נאכט, ווי מע
שיסט פֿון האַרמאטן („לאנדאן", VII) און וועלכער קאָן דאַן, ווען האַרמאַטן שיסן אַף וואר
שוין, זייער גרינג פאַרוואנדלט ווערן אין א בארמאס. „איך וועל אייך, זאָגט ער, דעם קאָפּ
געשלאָגן, טאָמער לאָזט איר ארויס אין אַזאַ צייט א שטיקן סכוירע פון האַנט" („לאנדאן", IX).
איך גאמבעטן, פאַרכאַפּט די בירזשע - שפּיל אליין, שוין ווי א ציל פאר זיך.

איך האָט דאָ „טענדעווערענדן", אן איינפאכן שווינדלער, וואָס באַ גינסטיקע באדינ-
גונגען, מיט דער הילף פון א ראספּוטין, קאָן ער דערגיין צו א מיטיע רובינשטיין.

און איך האָט דא צום סאָף דעם „מוצלעך", דעם גרעסטן שלימאזל אף מענאכעם-
מענדלס אכסאניע. „ער זאָגט אף זיך אליין, אז ער טוט א קוק אריין אין טייך אריין—
ווערן אויס אלע פיש" („א בעקאָוועדע פארנאָסע", VII).

און אינדערמיט, אין צענטער שטייט מענאכעם - מענדל פון קאסרילעווקע, און פון
אים ציען זיך פעדים, צו אלע זיינע פארשיידענע גילגולים, וועלכע רינגלען אים ארום, און
מאכן זיין פיגור פלאסטיש און אויסדרוקפול. איר פילט אין מענאכעם - מענדלען די פּאטענ-
ציעלע מעגלעכקייט צו פארוואנדלט ווערן אין באליבנדן פון אט די גילגולים, נאר פירן
פירט אים שאלעם - אלייכעם פון אנפאנג אן צו איין באשטימטן גילגול, צום „מוצלעך",
צום גורל פון „שלים - שלימאזל".

ווען מענאַכעם - מענדל קומט נאר וואס אן פון קאַסרילעווקע מיטן נאדן - רעשט קיין
אָדעס זוכן דאָרט מיסכער, שרייבט ער אין ערשטן בריוו צום ווייב: „איך האָב לעכאַטכילע
ספּילע אָנגעמערקט א צוויי - דריי גוטע געשעפטלעך, נאָר ס'איז מיר אַלץ ניט געווען צום
האַרצן. האב איך מיך אַזוי לאָנג ארומגעדרייט אין „ג ר ע צ ק" ביז איך האב מיך פּאָרט צו-
געשלאָגן צו עפּעס רעכטס, האינע, איך האַנדל מיט „לאָנדאָן"... דאס הייסט, מיט ניט גע-
שטויגן - ניט געפלויגן... פאַרוואָס זיינען אים ניט געווען צום האַרצן די „צוויי - דריי
געשעפטלעך"? און וואָס פאַר אַ געשעפטלעך זיינען דאָס געווען? מענאַכעם - מענדל דער-
ציילט עס אונז ניט, נאָר מיר שטויסן זיך וועגן דעם גרינג אָן. דאס זיינען זיכער קליינע
סינדערוואַרטיקע געשעפטן געווען. אַזוינע געשעפטן קאָנען באַ געוויסער געדולדיקייט און
אנגעשטרענגטער מי געבן אַף ברויט און עפשער מער. פאַרזיכטיקע קאַלטע אויסגערעכנט-
קייט, אויסגעהאַלטענע אַנטשלאָסנקייט קאָנען אין איינצלנע פאַלן פאַרוואַנדלען קליינע
געשעפטלעך אין גרויסע פאַרצווייגטע געשעפטן. פאר וואָס זשע זיינען זיי מענאַכעם -
מענדלען נים צום האַרצן?

too limited in scope for his fantasy

דאָ גייען מיר צו צום הויפּט-שטריך פון מענאַכעם - מענדלען, צו דעם מענאַכעם -
מענדל - פינטעלע, וועלכע דערהויבט אים איבער זיינע מיטלויפער - העלדן און מאַכט אים
געוועלטיקן איבערן ווערק. אָט - דער שטריך איז — טיפגלויביקער און וואַכזאַם - אַקטיווער
צמרו.

3.

מענאַכעם - מענדל טראָגט אין זיך דעם אומרו פון אַ קלאַס, וואָס פילט זיין אונטער-
גאַנג, זיין פאַרמישפּעטקייט דורך דער געשיכטע, און אָט דער פארגעפיל באַרויבט אים זיין

ווילן און פילט אַן זיין גייסט מיט צווייפל - אַקשאַנעס און מיט ווער - מוט פון א פאַר-
לאַנגגייענדן.

מענאַכעם - מענדלס אומרו יאָגט אים פון שטעטל אין שטאָט, וואוהין ער ברענגט מיט
אַ פרישן קוואַל פון ניט-אויסגענוצטער ענערגיע און אַן אַלטן פון דוירעס-געיאַרשנטן גלויבן,
וועלכער האט אָנגעוואוירן זיין אָנווענד - פונקס. און אָט - דעם גלויבן טראָגט מענאַכעם-
מענדל אַריבער אַפּן אויפגעקומענעם גוויר. מיטן דאָזיקן אומגעצוואונגענעם גלויבן טראָגט
ער זיך אַרום איבער פליגלען פון לופט-סוקעס אין פאַרשיידענע שטעט, זשעסטיקולירט מיט
באַוועגונגען פון אַ וויצלמענטשעלע („פעטרעשקע”) העפּטיק און ציללאז און מאַכט פאַרשיי-
דענע האַוואַיעס, הענגנדיק מיטן קאָפּ אין לופטן. דאָס אַלץ וואָלט געווען נאָר קאָמיש,
ווען מיר זאָלן זעען פאַר זיך מענאַכעם - מענדלען אַליין, אין זיינע אייגענע גרעניצן בלויז.
שאָלעם - אַלייכעם אבער באַווייזט אונז זיין העלד דורכויס אין צוזאַמענשטויס און איבער-
פלעכט מיט שיינע - שיינדלען, מיט קאַסרילעווקע. באַ יעדער מענאַכעם - מענדלס באַוועגונג
לאָזט אונז דער מעכאַבער פילן און אָנטאַפּן דעם ברעג, פון וואנען דער העלד האט זיך
אַפּגעשטויסן, און דאַן זעען מיר איין קלאַס, אַז דער וואָס זיצט אין סוקע באַהאַלטן און
צופּט מענאַכעם - מענדלען פארן שטריקל, איז ניט קיין צופעליקער אַפּן יאַריד - געקומענער
קונצנמאַכער, נאָר דאָס צופּט אים די האַנט פון דער געשיכטע מיט אירע אייזערנע אומ-
ראַכמאָנעסדיקע געזעצן, און דאַן ווערט מענאַכעם - מענדלס פיגור דערהויבן אין אונזערע
אויגן צו אן היסטאָרישן סימוואָל. שיינע שיינדל האט אויך, ווי מענאַכעם - מענדל, אירע
„מיטגייער”, וועלכע פאַרשטאַרקן און פאַראַלגעמיינערן איר בילד און שטרייכן אונטער איר
ראָל און באטייט און ווערט. מיר האָבן פון איין זייט די „גליקלעכע” בלומע - זלאַטע,
וועלכע וועקט שטענדיק קינע - געפילן באַ שיינע - שיינדלען: איר, בלומע - זלאַטעס מאַן,
„ווערט אויסגעריסן, גייט צופוס, קריכט אין דר'ערד אַריין” און גיט דער ווייב ברויט
(„פּאַפּירלעך” XII). מיר האבן פון דער צווייטער זייט די אומגליקלעכע יאָסל לייב אַרנס
פרוי, וועמעס גוירל עס שרעקט שטענדיק שיינע שיינדלען: יאָסל לייב אַרנס פאַרלאָזט
זיין פרוי און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, ווי דאס וועט טאן שפּעטער מענאַכעם - מענדל . . .
דעריקער אבער דערגאנצט שיינע - שיינדלען „די מאמע זאל געזונט זיין”, וועלכע שטייט
הינטער דער טאָכטערס פלייצעס אין מעשעך פון גאַנצער דערציילונג. די מאַמע סימוואָלי-
זירט מיט זיך די אַלטע, שוין אָפּגעלעבטע קאַסרילעווקע מיט איר איינגעפונדעוועטן הונדערט-
יאָריקן לעבנשטייגער. אָט דער מאָמענט שטרייכט אונטער קלאָר: „קאַסרילעווקע, אייגנס-
לעך, איז שוין אַ באַרמינען”. . . מענאַכעם - מענדל פילט עס און אַנטלויפט פון קאַסרילעווקע.
אַלע זיינע האָפענונגען הענגט ער אָן אַף יעהופּעץ, און שאלעם - אַלייכעם שלאָגט דעם
נאַאיוון קאַסרילעק - דאָנקיכאָטישן גלויבן אין יעהופּעצער ווינט - פליגלען מיט קאַסרילעווקער-
טאַקע סאַנטשע - פּאַנטשע - ניכטערקייט פון שיינע - שיינדלען. „אַלע דיינע יעהופּעצער לייט,
וואס דו שרייבסט, אַז זיי זיינען מיטאמאָל באַגליקט געוואָרן, וועלן מירצעשעם איבגיכן ווערן
צוריק די אייגענע קאַפּצאָנים, וואָס פריער, נאָך מיט מער פרישקייט” („פּאַפּירלעך”, IV).
שאלעם - אַלייכעם האט (ווי פארויסגעזעען די אומפאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפע, וואס האט
ערשט שפּעטער מיט 15 — 10 יאר, נאָך מילכאָמע און רעוואָלוציע, געטראָפן מיט אַלע
גרויסע און קליינע מענאַכעם - מענדלס אין רוסלאַנד, פוילן, דייטשלאַנד (מאַיסע - בארמאס)
און וואס דראט אויך אַלע איבעריקע מענאַכעם - מענדלס, וועלכע קנאַקן נאָך לייסאַטע איבער
פאַרשיידענע וועלט - בירזשעס . . .

אם אַזוי גיט אונז שאָלעם - אַלייכעם דורך דער אַנטיטעזע מענאַכעם - מענדל - שיינע-
שיינדל, דעם סינטעז פון אונטערגייענדיקן אידישן קליינבירגערטום, אין דער קאמפּאזיצע
פון הויפּט - העלדן שטויסן זיך צוזאַמען שטאָט און שטעטל, וועלכע לייקענען אָפּ איינע דאָס

אנדערע און ווערן ביידע אפגעלייקנט פונם קינסטלער. די קאמפאזיציע פון העלדן באשטימט שוין דעם סיוזשעט פון נאוועלע, די הויפט - פעדים אירע, דעם מענאכעם - מענדעלשן פאדים, דעם שטאטישן, און דעם שיינע - שיינדלשן, שטעטלדיקן פאדים.

ווי אזוי איז געבויט דער סיוזשעט אין „מענאכעם - מענדל"? צי איז דא איבערהויפט פאראן סיוזשעט?

אויב מיר פארשטייען אונטער סיוזשעט קאמפליצירטע געשעענישן, וועלכע פארקניפן זיך אין אנפאנג, און באקומען א געוויסן פאנאנדערבינד אין א דערלייזונג צום סאף, — אין אזא סיוזשעט אין „מענאכעם - מענדל" ניט פאראן. דער „סיפור המאיסע" אליין, די פאבל איז דא אויך זייער איינפאך און קאן איבערגעגעבן ווערן אין צוויי ווערטער.

מענאכעם - מענדל, א קאסרילעווקער אויצער, וועלכער איז נאר וואס אראפ פון קעסט, פארט אוועק קיין אדעס זיך צוזוכן עפעס מיסכער.

איינגיכן דערטאפט ער „עפעס רעכטס" — „לאנדאן", הויבט אן קנאקן, פליען, ברענען, שרייבט לאנגע בריוו דעם ווייב מיקויעך זיין פארשטייענדיקן אשירעס, און דערנאך לאזט זיך אויס א בוידעם . . . דאס איז דער אינהאלט פון ערשטן קאפיטל „לאנדאן" און דאס איז אויך דער אינהאלט פון צווייטן קאפיטל „פאפירלעך" און פון דריטן „מיליאנען" און פון אלע איבעריקע קאפיטלעך, — א מאיסע, וואס כאזערט זיך איבער זעקס מאל און קאן איבערגעכאזערט ווערן אן א סאף. די זעקס קאפיטלען זיינען ניט פארבונדן ארגאניש איינער מיטן צווייטן. איר קאנט אין „מענאכעם - מענדל" איבערבייטן די יאצרעס, אוועקשטעלן דעם לעצטן קאפיטל אין אנפאנג — דער סיפור - האמאיסע וועט דערפון ניט ליידן, ווייל די העלדן בלייבן דיזעלבע אין סאף דערציילונג, ווי אין אנהויב; מענאכעם - מענדל כאלעשט ווערן א „מיליאנשטשיק" און רייסט זיך אין דער וועלט אריין; שיינע - שיינדלען קאן ניט איבעררייסן מיט קאסרילעווקע און רופט אומערמידלעך דעם מאן אהיים. מענטשן בייטן זיך אין צייט און אין רוים. אין „מענאכעם - מענדל" שפילן צייט און רוים קיין ראליע ניט. אין אלע בריוו, סאי מענאכעם - מענדלס, סאי שיינע - שיינדלס, פעלט אויס די דאטע — איז דאס א צופאל? — וויכער ניט. שאלעם - אליי כעם, וואס שפילט אזוי מאיסטערהאפט אף די סטרונעס פון טראדיציאנעלן לעבנשטייגער, האט ניט געקאנט פארגעסן אין דעם „ברוך השם יום ה' פרשה לך - לך א. א. וו. לפ"ק". מיט פעלן פון דאטע האט שאלעם - אליי כעם, קאנטיק, געוואלט אונטערשטרייכן, אז דער „בריפענשטעלער", וועלכן ער לייגט פאר, איז אומאפהענגיק פון צייט. ער איז גילטיק פאר אלע צייטן נאך אף פיל צענדליק יארן, און אין יעדן פאל באם באנוצן זיך וועט מען שוין צושטעלן דעם געהעריקן „יאם".

דאסזעלבע אויך וועגן רוים: יעהופעץ כאזערט איבער אדעס, ווארשע — יעהופעץ; אמעריקע וועט, לויט שאלעם - אליי כעם, איבערכאזערן רוסלאנד. „דארט, זאגט מען, מאכן אידן ניט שלעכט . . . . דאס וועלן מיר זען פון זיינע וויטעדיקע בריוו פון אמעריקע" (האקדאמע). די ווייטערדיקע בריוו האט שאלעם - אליי כעם אנצושרייבן, צום באדויערן, ניט באוויזן, נאר פונם גאנצן טאן פון דער האקדאמע איז קלאר, אז די אמעריקאנער בריוו וואלטן געטראגן דעמזעלבן כאראקטער, וואס די רוסלענדישע.

דער נאטור ווערט אין נאוועלע אויך קיין פלאץ ניט אפגעגעבן, האגאם מענאכעם - מענדל פארט אום אף נאכטלעגער קיין בויבעריק, דערזעלבער בויבעריק, וואס רופט מיט זיינע פעלדער און וועלדער אזויפיל באגייסטערונג בא טעוויען דעם מילכיקן.

מיר געפינען אויך ניט אין די ווערק קיינע געזעלשאפטלעכע אידעאלן. אין קאסרילעווקע פארנעמט זיך די אינטעליגענץ, די „סטיקראמן" — דאקטוידים, קובעבע און לאקריק, מיט מעסירעס איינער אפן צווייטן. אין יעהופעץ האט מען אט - וואס פאר א מיינונג וועגן „ציניזם": „איך האב א פאר מאל א רעד געטאן מיט מיינע כעווריים אף דער בערזשע

וועגן דעם, האָבן זיי מיך אויסגעלאַכט. ווייס איך וואָס? ציניזם! דאָקטער הערצל! איך מיר אַ געשעפט!" („מיליאָנען", XVII). פון סאָציאַליזם אין א סוויווע פון בירזשע-לייט איז שוין אָפּגערעדט. „באַ אונז אין יעהופעץ שפּילט דאָס געלט די גרעסטע ראָליע; דער מענטש אליין איז בלאָטע, איכעס וויל מען דאָ נישט וויסן". (מיליאָנען, I). געלט דאס איז אַלץ, און ווייטער עקסיסטירט אַף דער וועלט קיין זאַך נישט, און מענאַכעם-מענדל ווערט אויך אויסגעטאָן פון דער גאנצער וועלט, פון אלע טויוועס, כוץ איינער — אַ בראָצקי צו ווערן. נאָר זיין קאָפּ ליגט אים ערגעץ-וואו אַנדערש. וואָס פאר אַ ראָל שפּילט אין נאָוועלע גאָט? קיין ראָליע ניט, קימאַט. אין ערשטן בריוו, ווען מענאַכעם-מענדל קומט נאָר וואָס אָן פון קאַסרילעווקע, דערמאָנט ער גאָט פיר מאָל, נאָר ווייטער באַגרעניצט ער זיך מיט טראַפאַרעט „השם יתברך זאָל העלפן". און נאָר ווען מענאַכעם-מענדלס פאַנטאַזיע צעלאָזט זיך און האַלט שוין באַ ווערן „בעדערעך נעס" אַ רויטשילד, דאַן שטיצט ער זיך, אַף גאָט.

„השם יתברך זאָל העלפן" דאס אולטימא זאָל נאָר אָפּלויפן גלאַט, וועל איך אייך „רעאַליזירן" אַלע מיינע פּאַפּירלעך" (פּאַפּירלעך, IX). „שוין וועט זיין, אַז איך וועל אַמאָל ווערן אַ בראָצקי... אַז גאָט וויל, נאַרעלע..." („פּאַפּירלעך", VII). „מיט גאָטס הילף — איך פאַרשטיי דאָס שפּיל" (פּאַפּירלעך, IX). ווי מיר זעען, איז גאָט אָדער פּאָשעט א ריזיקאַרט, אָדער ער דאַרף טאָן ניסים און מיטהעלפן, אַז דאָס „אולטימא" זאָל אָפּלויפן גלאַט.

גאָט שפּילט דאָ דיזעלבע ראַל, וואָס אין באַוואוסטן אנעקדאָט מיטן אידן, באַ וועמען מע האט אין רעסטאָראַציע צו טייער פאַרן ווארימעס גענומען, „וואָס זשע טוט גאָט? גאַנווע איך צו אַ זילבערנעם לעפל..."

אָט אַזוי באַזייטיקט שאָלעם-אַלייכעם גאָט, באַזייטיקט נאַטור, באַזייטיקט געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועלכע פאַרנעמען אַ געוויסן אָרט אין אנדערע ווערק זיינע, און פאַרשאַרפט די נאָוועלע אף איין-איינציקער פראַגע, אף דער געלט-פראַגע, אייגנטלעך אף דער גרעסטער און וויכטיקסטער געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעם, אַף דער סאָציאַלער פּראָבלעם. וועלכע ווערט אַנטפּלויזט פאַר אונז מיט איר גאַנצער שאַרפקייט און אומבערעכנדיקער האפנלאָזיקייט. צו אזא איינדרוק פירט שאָלעם-אַלייכעם דעם לעזער סאַי מיט דער עצם פאבל, סאַי מיטן אייגנאַרטיקן געבוי פון נאָוועלע, און אין אָט דער הילפלאָזיקייט ליגט איינגאַנצן דער זין פון ווערק.

קיין היינט האָט מענאַכעם-מענדל ניט. דער „שלימאַזל" לויערט נאָך אים אַף יעדן שריט און טריט און מאַכט צו נישט אלע זיינע אנשטרענגונגען

צום נעכטן, צו קאַסרילעווקע, זיינען שוין אלע בריקן פאַרברענט. די לאַגע ווערט דארט ערגער פון טאָג צו טאָג.

„בערל דעם פעטער מענאַשעס" צינדט צוויי מאָל אונטער זיין אין דרייען סעקוירעס פארמעגן און פאלט אריין אפילע אין טורמע („פּאַפּירלעך" V, „מיליאָנען" IV) און טייבל-שיינדל באַמערקט דערצו: „מע זאָגט, אַז דאָס איז שוין די לעצטע סרייפע אין שטאָט, ווארום ס'איז א סוואָרע, אַז די כעוורע „יאַקיר" האָט שוין אויפגעהערט סטראַכירן אידישע הייזער און קלייטן"... אַזוי פאַרשפּרייט איז שוין, קאָנטיק, געוואָרן דער מין „פאַרנאָסע" ניט ווייניקער פאַרשפּרייט איז אַ צווייטע „פאַרנאָסע" — באַנקראָט. „אונזער קאָפּל האָט ווידעראמאל אנגעזעצט" („מיליאָנען IV). דער גוויר פון שטאָט פאַרשווענדעט „אויסגעבעטן געלט („מיליאנען X). דאָקטוירים סעקוירן טויטע נעפאַשעס (מיליאָנען, XII). דאָס איז באַווייזט, ווי שרעקלעך ס'איז די מאַטעריעלע לאַגע אין שטעטל.

קיין פּערספּעקטיוון אויף מאָרגן זיינען אויך ניטא. פון אַמעריקע באַקומען זיך ניט שלעכטע יעדיעס.

„געציל דער מומע סאָסיס“ פארקויפט אין אמעריקע שוועבעלעך און שרייבט, אז יעדער איינציקער מוז דא אַרבעטן מיט דער נעשאָמע, עלע ניט, מעג ער געשוואלן ווערן פון הונגער, וועט אים קיינער קיין שטיקל ברויט ניט געבן („מיליאָנען“, X).

נאר כוץ דעם עצעם פאבל, נוצט שאָלעם-אליכעם אויס אנדערע מיטלען אף צו פארשטארקן דעם איינדרוק פון האפנלאזיקייט.

די גאנצע ארכיטעקטאניק פון יעדער קאפיטל באזונדער און פון די קאַפּיטלעך צווישן זיך אין ווערק איז דערויף געווענדעט.

קימאַט אַלע קאַפּיטלעך אין נאָוועלע זיינען געבויט קאנצענטריש, וואלנארטיק. די כוואליעס וואקסן אן ביסלעכווייס פון בריוו צו בריוו ביז זיי דערגרייכן צום סאָף זייער העכסטן שטורך-פונקט, און אין לעצטן בריוו רייסן זיי זיך פלוצים אפּ אין אפּגרונט.

דער ערשטער בריוו אין ערשטן קאַפּיטל „לאנדאן“ הויבט זיך אן מיט א 25-רובל-שטיק. מע כאַפּט אַמאָל אַ „כאף-הייער“, אַמאָל א פופציקער, און אַמאָל, אז עס געראט, א הונדערטער אויך“. דאס איז איצט, און אין פערספעקטיוו — האָט „איינער א שאמעש געכאפּט אין איין שמא איסראעל דרייסיק טויזנט“. „איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, מאמעש עס וואלגערט זיך דאָ גאָלד אין די גאַסן“. („לאָנדאָן“, I).

אין פינפטן בריוו וואקסט שוין אן א גאנצער הונדערטער און אמאָל קאָן געמאלט זיין, אז טאַקע צוויי הונדערט, און אַמאָל דריי הונדערט אויך. פאר וואס ניט?“ אין זיבעטן בריוו טוט ער שוין „א גיב אדער א נעם מיטאַמאָל צענטויזנט פונט, צוואנציקטויזנט פונט“.

אין זיבעטן האלט שוין מענאכעם-מענדל בא דער מאדרייגע פון שאַמעס. סע גייט א צייט, ווען אַ „סטאלאזש“ פון א פופציקער וועט ווערט זיין דרייש קארבן און שין און ת״ק אין טויזנט און פאר וואס ניט קיין צוויי טויזנט? עס זאָל זיין, ווי גאמבעטע זאגט, כאָטש מלב, ווער איך ניסאשער“ און אין XI לעצטן בריוו לאזט זיך אויס פלוצים פון אַלץ א בוידעם. סע ווייזט זיך ארויס, אז „די בעסן זיינען ניט קיין בעסן, די סטאלאזשן זיינען ניט קיין סטאָלאָזשן“.

„דער שפּיץ—סאיז א פאנים גאָר ניטא קיין „לאָנדאָן“ אין ערגעץ ניט“. נאר אין „עיקר שכחתי“ פלאַמט אויף די האָפענונג און פארקניפּט אן אנפאנג פון צווייטן קאפיטל. „ווען איך בין איצטער באַ געלט, וואָלט איך געקאָנט א האנדל טאן אַפן לאַמבארד און אומקערן מיין העזעק עפּשער נאָך מיט א סמיטשיק“. לויט דער סכעמע זיינען געבויט אויך די איבעריקע קאַפּיטלעך: א גוטער אנהויב, א גלענצנדער אינמיטן, א ווייסטער סאָף און אין „עיקר שכחתי“ — א שהינוועב פון נייע כאַלוימעס.

די קאפיטלעך אין ווערק זיינען קאמפּאנירט אן ערעך אזוי, ווי די בריוו אין איינצלנעם קאַפּיטל. ארגאניש, ווי מיר האָבן געזאַגט, זיינען די קאַפּיטלעך ניט פארבונדן איינער מיטן צווייטן, נאָר דער קאָנסטרוקטיווער צענויפשרויף זייערער איז אַזאַ, אַז די דראַמע פון העלד וואַקסט אן שטופנווייס פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל. די זעקס קאַפּיטלעך קאָנען איינגעטיילט ווערן אין דריי גרעסערע טיילן. די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך „לאַנדאָן“ און „פּאַפּירלעך“ — 24 בריוו, — דער ערשטער טייל, וואָס קאָן הייסן: „מענאכעם-מענדל — שפּעקוליאַנט“. אין סאָף פון דעם טייל כאלעמט מענאכעם-מענדל צו ווערן א בראַצקי. ער האָט אַ כעשבן, אז זיין „פּאָרטפּעל“ באטרעפט 50 טויזנט, „און אז דער אויבערשטער זאָל נאָר וועלן, קאָן פון די פופציק טויזנט ווערן מייע איילעף, פון די מייע איילעף דרייש אַלאפים, פון די דרייש אלאפים ה׳ק און אַזוי ווייטער ביז אַ מיליאָן. ווי אַזוי זשע דען ווערט מען מיליאָנשטשיק, א בראַצקי?“ („פּאַפּירלעך“, IX).

אין בריוו XI „טוט זיך כוישעך... אַ דונער האָט אונז דערשלאָגן... ס׳איז כורבן בייסהאַמיקדאש“. און אין „עיקר שכחתי“: „די וועלט זאָגט א ווערטל: נאָך אַ סרייפע ווערט

מען רייך. איך מיין, אַז נאָך אַזאַ מאַפּאַלע, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט, קאָן מען ערשט מאַכן גאָלדענע געשעפטן".

דאָ הויבן זיך אָן די „גאָלדענע געשעפטן" אין צווייטער טייל, וואָס קאָן הייסן „מענאַכעם-מענדל — א מעקלער" — און „מיליאָנען".

אין דעם טייל — אויך 24 בריוו — דערגרייכט דאָס שטורמישע ברויזן פון מענאַכעם-מענדלס פאַנטאַזיע איר העכסטע מאַדרייגע, איר „ניינטן וואַל". די געשעפטן בייטן זיך פון בריוו צו בריוו קימאַט, און די כוואַליעס שטייגן וואָס ווייטער אַלץ העכער.

אין VII-טן בריוו „מאַכט" מענאַכעם-מענדל הייזלעך און קלויבט זיך צו קויפן א הייזל פאַר זיך „פאַר א קערבל צוואַנציק טויזנט". אין XI-טן האָט ער שוין צו טאָן מיט „אימעניעס אויף אריבער א מיליאָן". אין XVII-טן פירט ער א געשעפט „וואָס איך דאַרף פאַרדינען אויף מיין כיילעק קימאַט ביז א מייע איילעף! דאָס געשעפט, וואָס איך פיר איצט, טרעפט אָן צען מיליאָן... ווען מען לייגט מען פאַר אַזאַ גרויס געשעפט? געווינטלעך בהאָצקען".

אין XXI-טן גיט ער צו וויסן שיינע-שיינדלען, אַז מיט בראָצקען האָב איך זיך צעגאַנגען... וואָס איז מיר בראָצקי, אַז איך שפּאַר שוין אָן גאָר צו רויטשילדן קיין פּאַריזש?!" און אין XXIII-טן בריוו „טוט זיך דאָס רעדל א דריי איבער און עס לאָזט זיך אויס נעכטיקע טעג". מענאַכעם-מענדל פאַלט אריין אין א מאַרעשכוירע: „איך זע פאַר זיך מיליאָנען מיט מיליאָנען און קאָן זיי נישט כאַפּן". עס פאַנגט אָן דער סאָף, די לעצטע דריי קאַפּיטלען — 12 בריוו — „דער שלים-שלימאַזל", ווי עס קאָנען אָנגערופן ווערן די דריי לעצטע קאַפּיטלען. יעדער פון די קאַפּיטלעך איז געבויט לויט דער אַלגעמיינער סכעמע: א צוזאַגנדיקער אָנהויב — א ביטערער סאָף — און אָן „עיקר שכחתי" — א ברעקל נאָך ווייטערדיקן. אָבער אין אַלגעמיין ווערן אין לעצטן טייל די פּערספּעקטיוון ענגער, די שאַנסן געדיכטער. דער דראַמאַטיזם שטייגט דאָ און צוזאַמען מיט דעם שטייגט און פאַרטיפט זיך די ווייטערדיקע שילדערונג. די לעצטע דריי קאַפּיטלען זיינען די קינסטלעריש-בעסט אויסגעהאַלטענע אין ווערק. — שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך געלאָזט אין „מענאַכעם-מענדל" פאַרפירט צו ווערן דורך דער עצעם-אַוואַנטיור פון האַנדלונג און דורך דער טענדענץ וועלכע ברעכט אָפט איין די שילדערונג און שטאַרצט אַרויס מיט איבערגעטריבענער נאַקעט און אָנגעפּייפּטן אַנעקדאָט. איינס סאָף אָבער פון נאָוועלע ווערט די שילדערונג געווענדט מיטן פּנים אינעווייניק צו, און דורכדעם דערהויבט זי זיך קינסטלעריש און הערט איבערצייגנד.

ווי מענאַכעם-מענדל אין ווערק, אַזוי פילט זיך שאָלעם-אַלייכעם, אַלס קינסטלער, היימישער און געמיטלעכער אין אַכסאַניע מיט די שלימאַזלען איידער אין דער מעסיבע פון די בראָצקעס מיט רויטשילדס, וועלכע טוען א שווינדל אין אויג איין מאָל אין א טמיסטע ווי דאָס אין פאַרמאַכטן רייטוואַגן — און ווערן פאַרשוואונדן. די שלימאַזלען אָבער האָבן געשילדערט דעטאַל און ראַכוועסדיק, מיט געטרייער פּולער האַנט, און דאָס קאָנצענטרירט און פאַרשטאַרקט צום סאָף דעם איינדרוק פון אומגליק און שלים. דאָס איז אָביעקטיוו סוביעקטיוו אָבער פּרוּווט מענאַכעם-מענדל צו געפינען אין דער אַכסאַניע ניט נאָר א טרייסט — „צרות רבים חצי נחמה", ווי ער שרייבט אין לעצטן „עיקר שכחתי" פון „בלי אָנען," — נאָר א פּאַרנאָסע. ער פּרוּווט נאָך צו באַשרייבן זיינע שכיינים אום צו באַקומען דערפאַר האָנאָראַר... (דורך דעם האַלט איין אויך א דער „עיקר שכחתי" זיין שטענדיק פּינקטלעך נאָלן באַטייט: באַוועגן און דוקן די פּאַבל פּאַרויס). ביקלאַל, באַווייזט אונז שאָלעם-אַלייכעם זיין העלד, ווי אין א צווייענדיקן שפּיגל. אין איין שפּיגל, אין איין אַספּעקט, זעען מיר מענאַכעם-מענדלען, ווי ער הענגט און פּלאָנטערט זיך אין דער לופטן אין א באַרלאַבאַ

סוויווע. אין צווייטן שפיגל זעען מיר די סוויווע דורך מענאכעם-מענדלס אויג און אנגע-פילטע מיט קאלערליי מעגלעכע „קאמבינאציעס".

אין די לעצטע צוויי בריוו-קאפיטלעך פארלירט מענאכעם-מענדל זיין איינציקן פריינט, מיט וועלכן ער האט ביז איצט פריידן-און ליידן געטיילט, — דאס ווייב, וועלכע אנטזאגט זיך פון אים בריוו צו באקומען. ער פרואווט זיך ווערן אן שאדכן, אן אגענט, פאלט שיר אין טורמע ניט אריין און איז געצוואונגען עמיגרירן, און דאך בלייבט ער בא זיין גלויבן, און אין לעצטן בריוו טרעפן מיר א דעמזעלבן ביטאכן, מיט וועלכן מענאכעם-מענדל קומט באם ערשטן ארויספאר קיין אדעס: „אין אמעריקע, זאגט מען, ווערן אידן גליקלעך. גאלד, זאגט מען, וואלגערט זיך דארטן אין די גאסן". פונקט דיזעלבע ווערטער, וואס אין ערשטן בריוו וועגן אדעס.

און ווייטער אין דעמזעלבן לעצטן „עיקר שכחתי": „און אז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן, איך וועל מירצעשעם באגליקן, און באגליקן וועל איך געוויס, דאס איז בא מיר זיכער, ווי ס'איז טאג אויף דער גאנצער וועלט, וועל איך דיר צושיקן שיפסקארטן". אלזא, האבן מיר אין לעצטן „עיקר שכחתי" א ברויזנדן שוואונג פון נייע האפענונגען, א קניפ און א ניי זוערק, פאר א „העמשעך קומט", וואס קיין סאף צו אים איז נישט צו זעען.

אט אזוי האבן מיר אין „מענאכעם-מענדל" בא א סיוזשעטלאזן רוקנביין א שטייגנדע אימפעטפולע דינאמיק. די ענערגיע, וואס זאל האבן אנגעווענדעט זיין אף ארגאנישן וואוקס, געפינט פאר זיך דעם וועג פארצוימט און שטויסט זיך ארויף און אראפ אף איין-און דעמזעלבן ארט. א קלעטערן זיך אף גלייכע ווענט, וואס פארמאגן אף זיך ניט קיין שום אנהאלט-פונקטן.

און אט-דער אומנאטירלעכער זיך-אף-די ווענט קלעטערן שפיגלט זיך אפ אויך אפן סטיל, און שפראך, צו וועלכער מיר גייען איבער איצט.

דעם הויפט-שטריך פון שאלעם-אליכעמס סטיל ביכלאל, איז זיין ריידנארטיקייט. שאלעם-אליכעם גיט אונז די לעבעדיקע פאלקשפראך, ווי זי שטייט און גייט קימאט, אן שום אפטויטנדע, אפט פאדסאמנדע טינט-און פעדער-באפוצונגען; די ווירקלעכע שפראך פון זיינע העלדן, ווען מיר טרעפן אין שאלעם-אליכעמס ווערק, אין קעגנזאץ צו מענ-דעלע'ס קאלעקטיוו, מענדעלעס „מאטעריע — אנד", גיט אונז שאלעם-אליכעם דעם יאריד, וואס האט זיך אויסגעקריסטאליזירט אין סאף 19-טן יארהונדערט אין רוסלאנד, אדאנק דער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם.

אבער שאלעם-אליכעמס יאריד ווערט אונז שטענדיק געגעבן, ווי א געוויקס מיט א שטיק באדן, ווארצל, שטענגל, בלעטער און בלומען.

אין שאלעם-אליכעמס ווערק טרעפן מיר אפט דיאלאג, אפטער מאנאלאג. דער מא-נאלאג אבער איז דורכויס דיאלאג.

ביישפילן זיינען דא אף יעדן זיימל קימאט; מיר וועלן זיך דעריבער באנוגענען נאר מיט איינעם.

אין ערשטן בריוו פון קאפיטל „לאנדאן" לייענען מיר: „אז איך בין געקומען קיין קעשעניעוו צום פעטער מענאשע אפנעמען דעם נאדן, פרעגט ער מיך, וואס באדארף איך דעם נאדן? זאג איך: מיסטאמע באדארף איך; איך זאל ניט דארפן, וואלט איך ניט געקומען. זאגט ער, אז קיין מעזומען געלט האט ער איצט ניט, ער קאן מיר, זאגט ער, געבן אן אנווייזונג צו בראצקין קיין יעהופעץ. זאג איך: לאז זיין קיין יעהופעץ, אבי געלט. זאגט ער, ער ווייסט ניט, צי אין יעהופעץ איז איצטער דא געלט, ער קאן מיר געבן, זאגט ער, אן אנווייזונג צו באדשאכן קיין וואַרשע. זאג איך: לאז זיין ווארשע, אבי געלט. זאגט ער: וואס טויג דיר ווארשע? ווארשע איז ווייט ———" און אזוי ווייטער. איר האט דא אפילע

קיין גענזנפיסלעך ניט. אַזוי נאַטירליך איז, אַז פון איין מענאַכעם-מענדלס מויל זאָלן ריידן מיטאַמאָל צוויי און מער מענאַכעם-מענדלס. פרואווט אָט דעם מאָנאָלאָג פאַרגלייכן מיט בערגלסאָנס דיאלאָג: „ער שטעלט זיך פאָר, ווי איר איז איצט אַלץ פרעמד און אַלציינס?“ („נאָך אַלעמען“, ז׳ 39)—אַזוי רעדט מירל צו ליפקינן, וועלכער געפינט זיך דאָ טאַקע, לעבן איר... שוין פון אָט-דער „דיאַלאָג“-פאָרם אין קורצער שורעלע שפּארט בוילעט אַרויס די גאַנצע צעשפליטערטקייט, צעפאַלנקייט און „נאכאלעמענישקייט“ פון בערגלסאָנס העלדנוועלט אין קעגנזאַץ צו דער שאָלעמאַלייכעמשער—פעסטער, טיף-איינגעוואָרצלטער, צוזאַמען-געלעבטער און קאמפּלוסטיקער.

דער צווייטער שטריך, וועלכער כאַראַקטעריזירט דעם „מענאַכעם-מענדל“-סטיל באַזונדער — דאָס איז אַלאָגיזם.

נעמט, אַשטייגער, די נאָר-וואָס געבראַכטע ציטאַטע: „ער קאָן מיר, זאָגט ער, געבן אַן אָנווייזונג צו בראָצקען“. לאָגיש דענקנדיק, דאַרף מען דערוואַרטן, אַז ווען מענאַכעם-מענדל וועט דערויף איינגיין, איז דער איניען פאַרענדיקט... עס הויבט זיך ניט אָן! נאָך מענאַכעם-מענדלס האַסקאָמע דערמאָנט זיך דער פעטער מענאַשע, אַז „ער ווייסט ניט, צי אין יעהופּיץ איז איצט דא געלט“, „ער קאָן מיר געבן, זאָגט ער, אַן אָנווייזונג צו באַכשאַרן קיין וואַרשע“ און גלייך נאָך דעם, — „וואָס טויג דיר וואַרשע? וואַרשע איז ווייט“. דאָס איז אַ שפּראַך מיט אַ באַזונדער פאַרדרייטער און פאַרקריפּלטער לאָגיק, אַ לאָגיק פון א בירזשע-פּוקס, וואָס איז אויסן, אייגנטלעך, ניט צו ענטפערן, נאָר צו אַרויסדרייען זיך פון אַן ענטפער.

אָט נאָך אַ ביישפּיל פון מענאַכעמעלדס לאָגיק, אַ לאָגיק פון א בירזשע-האָז.

אין קאַפּיטל „עס פידלט ניט“ שרייבט מענאַכעם-מענדל: „ווען קומט אַן אַוואַזשנע דעפּעש? פאַרשטייט זיך, באַנאַכט“.

די „וואַזשנע דעפּעש“ איז פון ר׳ אָשערן, מענאַכעם-מענדלס שותּף, און פירט דערצו, אַז סע פאָרן זיך צענויף אַף אָנקוקן זיך צוויי קאַלעס... וועגן דעם דערציילט מענאַכעם-מענדל טאַקע אין דעמזעלבן בריוו. גופא...

נאָך איין ביישפּיל. אין לעצטן בריוו-קאַפּיטל „שלים-שלימזל“, וועלכער ענדיקט זיך מיט דעם, — וואָס צוויי שווינדלער שטעלן אַוועק מענאַכעם-מענדלען אפן שוועל פון טורמע, דערציילט מענאַכעם-מענדל וועגן אָט-די שווינדלער אין אָנהויב בריוו: „איך האָב באַלד פאַרשטאַנען אַן די צוויי פאַרשוינען, אַז זיי זיינען ניט גלייך צו אַנדערע, אַז זיי פאַרשטייען אַן אייסעק און מיט זיי קאָן מען שוין עפּעס מאַכן, און קאַבאַווע“... אין די געבראַכטע ביישפּילן איז די אייגנאַרטיקע „לאָגיק“ מאָטיווירט און באַרעכטיקט. באַשרייבנדיק די פאַרשוואונדענע און מעגלעך-געוועזענע „גליקן“, ווערט מענאַכעם-מענדל פאַרכאַפּט פון די לעצטע אויפדאָסניי, און אים פאַרפלייצט אימער שטראָם פון „האָף און גלויב“. דערויף איז ער דאָך מענאַכעם-מענדל! אין פיל ערטער אָבער דערפירט שאָלעם-אַלייכעם די זאַך ביז אומגלויבלעכן אַבסורד. אַזוי, שיינע שיינדל שרייבט: „מאָנעשאַך, ביסטו געשטאָרבן, שרייב“. („מיליאָנען“, II).

ווען מענאַכעם-מענדל פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, גיט ער צואוויסן וועגן ענד-ציל פון זיין רייזע און „עיקר שכחתי“: „איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן שרייבן, וואוהין איך פאָר. זוגתי היקרה, איך פאָר קיין אמעריקע“ („עיקר שכחתי“ פון לעצטן בריוו).

ביכלאַל ענדיקט שאָלעם-אַלייכעם אין „מענאַכעם-מענדל“ מיט דעם, וואָס ער אַנטפּלעקט פאַר אונז צופיל און שטרייכט אונטער אַן אויפהער, פונקט, ווי ער וואָלט מיינען געהאַט, אַז דער לעזער וועט נישט קאָנען באַנעמען דעם זין פונם מעכאַבער... שאָלעם-אַלייכעם פאַרלויפט די גאַנצע צייט פאַרויס פאַרן לעזער, באַזייטיקט די קלענסטע מעגלעכקייט

פון וועג, פאַרשפּאָרט יעטוועדן אנשטרענג און באַרויבט דערמיט באַם בילד דעם לעצטן ניטוועגדיקן שלוס - מאָמענט, דעם שפּעציפישן לייען - פּראָצעס, דורך וועלכן עס ווערט פאַרענדיקט יעדעס קינסטלעריש ווערק.—האָט דאָס בילד אָנגעוואוירן דעם אנווענד - פונקט פאַר אָט-דעם פּראָצעס, האָט דער לעזער פאַרלאָרן די מעגלעכקייט האַרץ - און קאָפּ צום בילד צוליגן, דאַן בלייבט ער קאַלט און גלייכגילטיק צו אים. דער מעכאַבער אַליין האָט געפילט אָט-די איבערגעלעסטיקייט אין „מענאַכעם - מענדל“ און שרייבט אין הקדאמע צו דער צווייטער פאַרקירצטער אויפלאַגע: „באַם צונויפשטעלן די בריוו צו דער צווייטער אויפלאַגע, האָב איך אַסאַך בריוולעך שטאַרק פאַרקירצט און אסאַך בריוולעך גאָר ארויסגעוואָרפן“. „די וואָס וועלן געפינען, אז ס'איז נאָך אַביסל צו לאַנג, קאָנען זיכער זיין, אז איה"ש—בא די ווייטערדיקע אויפלאגן זאָל דאָס ווערן אלע מאָל קירצער און קירצער“,—פאַרענדיקט שאָלעם - אַלייכעם אין האַלב שפּאָס. סע איז אָבער קיין סאָפעק ניט, אַז בא די ווייטערדיקע אויפלאַגן וואָלט ער דאס „ביסל - צו - לאַנג“ באַזייטיקט. אַ גרויסער שאָד, וואָס דער קינסטלער האָט עס צו טאן ניט באַוויזן.

דער דריטער גרונט - שטריך פון „מענאַכעם - מענדל“ - סטיל איז — דינאמיזם, וועלכער דריקט זיך אויס, ווי אין בליצנדיקער אַנטוויקלונג און צענויפגעהורבעוועטן אנוואַקס פון טאט, געשעעניש אדער געדאַנק, אַזוי אויך אין ריין שפּראַכלעכן געבוי פון זאַץ. אָט א פּאָר ביישפּילן.

„און דער אויבערשטער האָט ראַכמאָנעס געהאט, „פּאַפּירלעך“ האָבן זיך א הויבגעטאָן, און איך האָב מיין פרעמיע פאַרקויפט מיט רעוואכים און געקויפט אפּאָר פרישע פרעמיעס, און האָב ווידער געכאַפּט פון אויבן און האָב מיך ארויפגעשלאָגן אַף שיינע זעלכע הונדערט קערבלעך און דאַפּקע מעזומאָנים“ („פּאפּירלעך“ I).

„ס'איז געוואָרן א לויפעריי, א בעהאָלע, א פּאכעד, א מעהומע! די שפּעגעלאנטן זיינען זיך צעלאפן, אויסגעטריקנט געוואָרן און איך בעסויכאם. אויס בערזע! די קאָנטאָרן זיינען געבליבן פוסט, די באנקירן פארזארגט, — ס'איז כורבן בייסאמיקדאָש!“ („פּאפּירלעך“, XI).

און אָט איז שיינע - שיינדלס א זאץ: „איך בין געקומען פונם מארק, פרייטיק איז דאָס געווען, געקויפט פיש, פרישע, צאפּלדיקע, זיך נאָך געוואָרפן, און דאָס קינד שרייט, ווערט צעריסן! איך שלאָג דאָס, איך הארגע דאָס — עס האלט אין איין שרייען! „וואָס ווילסט דו? שלימאזל! באשעפעניש! נא דיר צאָרעס מיינע; נא, דיר א קאָפּיקע! נא דיר בויכווייטיק! „קום מיט צאָרעס אנשוויגן געוואָרן“ („פּאפּירלעך“, IV).

וואס אָנבאלאנגט דינאמיזם פון שפּראַך, דריקט עס זיך אויס אינם איבערפלוס פון פּויעל, וועלכער הערשט אין ווערק און פולט עס אָן מיט אומרואיקן געפּילדער און רוישיקן קלאנג. באזונדערס - אפט טרעפט איר דאָ דעם פּויעל פון בעכיפאָזנדיקער, ווערטיקאלער צומייסטן, אומנאטירלעכער באוועגונג. „איך בין אוועק דורך א קאָנטאר קיין פּייטערבארג“ („פּאפּירלעך“, I) „וועהאשיינים זיי וויסן, אז איך קנאק און פּלי, איך ברען, איך שפּרינג אין פייער. איך וואקס, איך וואקס!“ („פּאפּירלעך“, VII) „איך האָף, אז איך וועל מירצעשעם שייקעף נאָך דער „ראלעזאציע“ זיך געבן א קער איבער צוריק אויפן האָס“ („לאָנדאָן“ IX) „מיינע „ליליפוטן“ שטייען שוין בארעכאשעם פון יענער זייט דריטהאלבנטויזנט“ („פּאפּירלעך“, VII). אפילע דער פּויעל „שטייען“ ווערט דאָ באוועגלעך און פעקלט זיך אריבער „פון יענער זייט דריטהאלבנטויזנט“. אגעוו, די ציפערן, צומייסטן היפּערבאלישע, העלפן אויך גיס - ווייניק - מיט דער דינאמיזירונג פון דערציילונג. ביישפּילן פון דעם מין זייגען אויבן געבראכט געווען.

א פּאר באמערקונגען בענויגייע דעם ווערטער - בוך פון „מענאכעם - מענדל“.

ערשטנס, דאס שפיל מיט פאַרדרייטע ווערטער, „סטאלאזש״ בא מענאַכעם-מענדלען ווערט באַ שיינע-שיינדלען „דעלעזשאַנס״, פון „האסן-בעסן״— ווערט „העסן-באסן״. „זאדערזאנקעס מיט שאַנשענעטקעס״— „שארעזאַנקעס מיט שענזעצעטקעס״. דאָ האט איר אַ געקייפלטע פאַרדרייאונג, וועלכע שטרייכט אונטער אָף וויפל יעהופּעץ איז ניט אָנגעמאָסטן נאָך פאַר מענאַכעם-מענדלען אַליין און פאַר שיינע-שיינדלען באַזונדער, נאָר אָפּנמאָל פאַרדרייט שיינע-שיינדל די ווערטער מיט אַ קיוון און שטרייכט דערמיט אונטער איר פאַרבי-סענע סינע צו דער פרעמדער פאַר איר און פיינטלעכער שטאָט. „האָנאָראַר״— „גאלענאר״, דו ביסט אַליין אַ גאָלענאַר, דאָס הייסט, פון אויבן ביז אַראָפּ — נאַר״. (אַ בעכאוועדע, פאַר-נאָסע״, II).

די פאַרדרייטע שפראַך הארמאניזירט מיט דער פאַרקריפּלטער לאָגיק און דערגאַנצט דעם איינדרוק פון עפּעס אומנאַטירלעכעס און אומגעלומפּערטס.

דער צווייטער מאָמענט איז — דאָס שפיל מיטן „זשאַרגאָן״. אין דעם זין צייכנט זיך באַזונדער אויס דאס צעטל מעכוטאָנים, לויטן אַלעפּבייס אין קאַפּיטל „עס פידלט נישט״. די דאָזיקע רעשימע אָן-און — פאַר זיך שטעלט מיט זיך פאר א דאקומענט פון עכט-קינסטלע-רישן און קולטור-היסטארישן ווערט. איר האט דא אף צוויי זייטלעך אַ גאַנצן אויצער פון קולטור-געשיכטע, שפראַך-געשיכטע און סטאַם געשיכטע.

אין זין פון שפראַך איז דאָ אינטערעסאַנט דער קונציקער איבערפלעכט פון אַלע דריי אומגאַנג-שפראַכן אין דער אידישער קליינבירגערלעכער סוויווע: אידיש, רוסיש און העב-רעאיש.

אָפּטמאָל ווערן די דריי שפראַכן געגעבן אין צוויי ווערטער נאָר: „באַוואָרנט מיפריזיוו״, „רוצה גיקאנציטן״, „קעניר בשפראַך וקלאר ביורה דעה״. נאָך איין ביישפּיל פון א רעשימע — „הגומענאַזיסט פרייטיק... טראָגט היטל בבית... שרייבט ניט בשבת... וויל כ׳ אלפים לא פחות פרוטה״...

דער פילשפּראַכיקער זשאַרגאָן איז אַזוי אָנגעמאסטן צום גאַנצן מענאַכעם-מענדלשן רימל, וואָס איז צו אַלץ, כוץ כ׳ אַלפים, גלייכגילטיק און פּאַסט זיך און פּאַסט צו זיך אַף איין פוס אַלץ צו: פאַרשיידענע נעמען („קובעבע״, „לאַקריק״), פאַרשיידענע שפּראַכן און פאַרשיידענע מאַלבושים („טענדעווערענדע מיט אַ הענגקאָלנער״). מיט די באַמערקונגען וועגן סטיל פאַרענדיקן מיר. מיר האבן זיך באַמיט אַרויסצוגעפינען איבערהויפּט און אָנציי-כענען די מאָמענטן פון סטיל, וועלכע ווערן אין „מענאַכעם-מענדל״ באַזונדער אונטער-געשטראכן.

אַ דעטאַלע אויספאָרשונג פון „מענאַכעם-מענדל״-סטיל איז אויסער די גרעניצן פון אונזער אַרטיקל.

און צום סאָף אַ השאַרע, וועלכע שיינט אונז צו זיין נאָענט צום עמעס.

סע איז מעגלעך, לויט אונזער מיינונג, אַז שאָלעם-אַלייכעם האט זיך געפונען באַם שאַפן „מענאַכעם-מענדל״ אונטער אַ געוויסער האַשפּאָע פון דאָסטאָיעווסקעס „אָרימעלייט״. אָט זיינען די עלעמענטן, וועלכע פאַלן צונויף אין ביידע אָנגערופענע ווערק.

1) עפּיסטאליאַכע פאָרם, אין מאַקאַרס בריוו אָן אָפּטער P. S. — מענאַכעם-מענדלס „עיקר-שבהתי״, וועלכן שאָלעם-אַלייכעם האט צוגעגעבן אַ טיפערן פונקציאָנעלן כאַראַקטער, ווי עס איז אויבן דערמאָנט געוועזן שוין.

2) מאַקאַר דיעוואושקין באַשרייבט פאַר וואַרינקען זיין אַכסאַניע מיט אירע שכיינים; דאָסזעלבע טוט מענאַכעם-מענדל אין זיינע בריוו צו שיינע-שיינדלען.

3) מאַקאַר הויבט אָן צו שרייבן אונטער דער ווירקונג פון אַ שאָכן אַ שרייבער (ראַטאָזיאַיעוו), דאָסזעלבע מענאַכעם-מענדל.

4) מאַקאַר באַשרייבט אַן אָרימן טשינאָווניק, וואָס כאַזוערט איבער מיט זיין גורל דיעוואושקינען אַליין. אומגעפער אַזוי כאַזוערט איבער דער „מוצלעך“, דורך מענאַכעם - מענדלען באַשריבענער מענאַכעם - מענדלען אַליין.

5) די העלדן אין „אָרימע לייט“ האָבן וואַריאַנטן: מאַקאַר — גאָרשקאָוו — פּאָקראָווסקי (פּאָטער); וואַרינקע — סאַשע — פּאָקראָווסקעס פרוי. דאָסזעלבע אין „מענאַכעם - מענדל“ (זע אויבן).

6) אין דעם גורל פון די העלדן באַמערקט זיך ענלעכעס: אַ טראַגישער סאָף; די העלדן צעשיידן זיך.

7) אין „אָרימע לייט“ פּרואווט דאָסטאָיעווסקי גויווער זיין גאָגאָלן. ער ווענדעט זיך אָפּ פון געזעלשאַפטלעכער, לוישן טאָך, סאַטירע צום פּסיכאָלאָגיש - דעטאַליזירטן אינדיווידואַליזם. די באַציאונג צו גאָגאָלן ווערט אויסגעדריקט אין מאַקאַרס פּראָטעסט קעגן „שינעל“ גאָגאָלס. אין מענאַכעם - מענדל האָבן מיר א רעמעז אָף מענדלען: סע ווערן צענויפגעפירט צוויי קאַלעס, דערביי, איינע פון יערמאָלינעץ, דיזעלבע שטאָט, וואו אַלטער יקנה־ז פאר אַזאַ מין שידעך צענויפגעפאָרט. אט דער וואונק אויף מענדעלען קאָן אויסגעטייטשט ווערן, ווי אַ שטרעבן פון שאָלעם - אַלייכעמען זיך באַפרייען פון מענדעלעס טאָרבע און פאַרווייכערן די סאַטירע.

8) און לעסאָף, די עצעם טעמע אין ביידע ווערק האָבן איין אויסגאַנגפּונקט: די סאָציאַלע פּראָבלעם, וואָס רייסט זיך דורך דורך שטייגערישן אויבערדעק.

די אויפגאַבן אָבער, וועלכע ווערן געלייזט דורך ביידע ווערק, זיינען פולקום פאַרשיידן און פאַרשיידן איז דעריבער דער אָנווענד פון ענלעכע אויפאַנים פון קאָנסטרוקציע.

דאָסטאָיעווסקי האָט אין זינען דעריקער אין „אָרימע לייט“ צו שאַפן אַ סטיל פאַרן אָרימן טשינאָווניק, וועלכער וועט איינגיכן פאַרנעמען אַן אָרט אין אויבנאַן פון דער רוסישער ליטעראַטור („ראַזנאָטשינעץ“, זע דעם מאטא צו „אָרימע לייט“; אויך ווינאָגראַדאָווס אַרטיקל, דאָסטאָיעווסקי — זאַמלונג, רעדאַקציע פון בראָדסקי). מאַקאַרס בריוו זיינען געווענדעט בלויז צו וואַרינקען און האָבן אַ באַשטימטע דאַטע. מענאַכעם - מענדלס בריוו אָבער זיינען אַ בריוונשטעלער, גילטן פאַר אַלעמען און האָבן קיין דאַטע ניט. זיי זיינען באַשטימט פאַרן „אידן פון אַ גאַנץ יאָר“ און אַף א לאַנגער שורע יאָרן, ווי מיר האָבן עס געזעען אויבן.

מאַקאַר באַשרייבט זיינע שכיינים אין זינהאָבנדיק שאַפן אַ סטיל; מענאַכעם - מענדל ווערט א שרייבער לעשיים פּאַרנאָסע; אַף דעם שפּיץ ווערט דאס גאַנצע ווערק פאַרשאַרפט, און שאָלעם - אַלייכעמס נאָוועלע ברעכט דורך ניט נאָר די דינע ווענטעלעך פון מענאַכעם - מענדל, אַלס יוירידֿ, נאָר אויך די דיקע נאַציאָנאַלע מויערן און טורמען און וואַקסט אויס אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָבלעם.

ווארום מענאַכעם - מענדעליזם דאס איז אייגנטלעך קאַפּיטאַליזם אין צייט פון אונטערגייענדיקן אימפּעריאַליזם. — ווען דער שטעטלשער קרעמער פאַרליוט דעם דאָרפישן קוינע, ווערט ער געצוואנגען צו פאַרוואנדלט ווערן אין א מענאכעם - מענדל. און ווען די שטאָטישע אייראָפּע הויבט אָן צו פאַרלירן אירע מערק אין דאָרפישער אַזיע, ווערט דאַן פאַרן אייראָפּייאישן קאַפּיטאַליזם געשאפן א באָדן פאָרן מענאַכעמענדעליזם. דער מאבל געפעלשטע זינאָוויעווס בריוו איז שוין א געגויער באַווייז דערצו. און אין דעם זין שטייט נאָך דעם מענאַכעם - מענדעליזם פאָר אַן „אייראפּייאישע צוקונפט“. אין צייט פון ענטגילטיקער צעטריסלונג פונם אימפּעריאַליזם וועט אומפארמיידלעך אויפבליען דער מענאַכעמענדעליזם, ווי מיר האָבן עס געזעען באַ אונז אין בלי - צייט פון נעפּ, און וועט אַף אייביק פאַרשווינדן

ווערן צוזאַמען מיט זיין פאָטער — דעם קאַפּיטאַליזם, ווי ער הויבט שוין אָן ביסלעכווייז פאַרשוואונדן ווערן דא אין ראַטן-רוסלאַנד.

שאָלעם-אַלייכעמען איז ניט באַשערט געווען צו דערלעבן ביז דער צייט, ווען דער מענאַכעמענדעליזם וועט אין רוסלאַנד זיין טויט-קלאַפּ באַקומען, און וועט אויסגעוואָרצלט ווערן און ארויסגעשליידערט ווערן — אָפּטמאָל, מיט פלייש און ביין, — צו טיף איינגעגעסן זיך, צו לאַנג געפוילט... און אף זיין אָרט וועלן פרישע יונגע שפּראָצלינגען באַזעצט ווערן אף פעסטן, פעטן, טיפאיבערגעאַקערטן באָדן...

נאָר דער מענאַכעמענדעליזם איז נאָך ביזן סאָף ניט אויסגעלעבט. די אַרויסגעשלידערטע פוילע אייוורים פאַרפּעסטן נאָך די לופט, און „מענאַכעם-מענדל וועט נאָך לאַנג דינען — מיטהעלפן די פאַרפּעסטעטע לופט פרישן און זי אינגאַנצן געזונט מאַכן.

מאָסקווע, אפּריל 1926 יאר.